# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות אגודת ישראל אין פּוילן

רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | ב"ה אדר א' תרח"ץ | נומער 148 | פיפצנטער יאָר־גאַנג


דריטע יאָרצייט פון שרה שענירער עלי' השלום

זונטאָג כ"ו אדר א'

י. ל. אָרלעאַן

# פיאָנערנטום

צו דער דריטער יאָרצייט פון שרה שענירער ע"ה

די צייט רוקט, ס־איז שוין פאַרביי דריי יאָר זינט פרוי שרה שענירער ע"ה, דער פּיאָנער־גייסט פון ב"י־ווערק, איז נישטאָ. יעדעס מאָל, בשעת מע רעדט איבער איר פטירה, פילט יעדער, ווי איר גייסט ווירקט ווייטער. ס־איז איר גרעסטער רום, וואָס זי האט איבערגילאָזט נאָכפאָלגער־שאַפט, וואָס איר התחלה ווערט פאָרטגיזעצט. די קינסטלעכע אַנטדעקונג, וואָס ווערט ביי דער וועלט פּראַקטיצירט פאַר וואָסער ס־איז פּערזענלעכקייט, איז דאָ נישט אָנגעמבאַר. מע דערמאָנט זי אפשר, אינים אייגינים קרייז אפילו, ווייניקער ווי אַנדערע פאָרערטע גייסטער. אָבער גראָד דאָס באַווייזט, ווי ווייט זי איז פאַרוועבט אינים מהות פונים ב"י. פונקט ווי מע רעדט נישט איבער דעם אייגינים לעבנס־כוח, אַזוי פילט יעדער נענטערער ב"י־מענטש, ווי זי ווירקט אומאויפהערלעך, ווי זי איז ווייטער דער רוח החיים מיט דער ערשטער שטויס־קראַפט, וואָס זי האט באַוועגט די התחלה.

אויב פרוי שענירער ע"ה וואלט נישט מער, ווי גימאַכט די התחלה פאַר ב"י, וואלט דאָס שוין גינוג גיוועזן פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. זי האט גיהאַט אין זיך דאָס, וואָס מע רופט אַזוי פשוט פּיאָנערישקייט.

אַ באַזונדער אייגנשאַפט האט די פּיאָנערישקייט. זי גיט אַ שטויס און ס־קאָן גינוג לאַנג אָנהאַלטן, אפילו דורות. אַ פּיאָנער ווירקט פאַר דורות גאַנצע. יעדע בעסערע אַרבּיט, וואָס מאַסן מענטשן פירן אויס, איז נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ פּיאָנערישן אָנהייב.

אויב מע וואלט ביי פרוי שענירער ע"ה אַלע מעלות אָוועקגישטעלט און נאָר גיהאַט אינים אויג דאָס פּיאָנערישע, וואלט עס גיוועזן איר גרעסטער שבח אפשר די וויכטיקסטע סיבה פאַר דעם, וואָס ב"י עקזיסטירט און וואַקסט בסדר. מע קען נישט אויס־רעכענען אַלע ענינים וואָס דער פּיאָנער פאַרמאָגט, אָבער דאָס שטאַרקסטע זיינס איז, וואָס ער האַלט שוועריקייטן פאַר אַ נאַטירלעכקייט, פאַר אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע דערשיינונג. דער פּיאָנער ווערט נישט איבעראַשט פון דער אָדער יענער מניעה, פון דער אָדער יענער שטערונג. אים קומט גיכער אויס וואונדערלעך, ווען ער דערזעט נישט קיין שוועריקייטן, ער פילט זיך, ווי ער וואלט צו שוועריקייטן באַשאַפן גיוואָרן, ווי די שוועריקייטן האַלטן נאָר אַזוי לאַנג, ביז דער פּיאָנער באַמערקט זיי. אַ פּיאָנער רעזיגנירט נישט, איז נישט פאַרזאָרגט איבער דעם גורל, ווערט נישט נאָכגיביק.

דעם דאָזיקן כוח האט פרוי שענירער ע"ה גיהאַט מיט פולע הונדערט פּראָצענט. אויב ס־איז דאָ אַן אָרט וואו ס־איז נישט דאָ קיין בית יעקב שול, אָדער ווי זי ווירקט נישט גוט, מוז זי זיין, מוז עס בעסער ווערן. אָ, שוועריקייטן? דאַרף מען קלערן עצות, אָבער נישט אָפּזיצן, פאַרלייגן די הענט. אַזוי האט זי תמיד גיטראַכט. אַזוי האט זי אפילו אַריבער־גיקוקט אינים פאַרוואָרפנסטן ווינקל פון דער וועלט און גיהאַלטן דעם איינמאָל אַנטדעקנטן אמת פאַר דורכפירבאַר, דורכפירבאַר ביי דער גרעסטער שוועריקייט, אין ארץ ישראל, אין אַמעריקע, אין אַרגענ־טינע – אומיטום קען זיין אַ ב"י.

אט דאָס האט גיהאַט פרוי שענירער ע"ה און נאָר דאָס איז מצליח היינט אינים בית יעקב. ווער ס־שרעקט פאַר שוועריקייטן, ווער ס־מיינט אַז אַרבּיט קאָן זיין אָן שוועריקייטן, דער ווירקט נישט אינים גייסט פון פרוי שענירער ע"ה.

פּיאָנערטום דאָס דאַרף זיין דער סימבאָל פון פרוי שענירערס נאָמען אין דער בית־יעקב־באַוועגונג. ס־לעבן ברענגט יעדן טאָג אַלץ נייע שוועריקייטן. יעדן טאָג דאַרף מען אויפסניי אויפבויען דעם בית־יעקב, איבערשאַפן אים לגבי די נייע מניעות. ווער ס־אַרבּיט אַזוי, איז איר גיטרייסטע תלמידה.

## תוכן:


י. ל. אָרלעאַן: פּיאָנערנטום. ■ א"ג פרידנזאָן: ערלעכקייט, פשטות און גיטריישאַפט ■ יהודא לייב אָרלעאַן: די נויט־קאַסע. ■ ל. שיף: די העלדישע פרוי. ■ א. שנור: דאָס תורה־לערנין ביי יידישע פרויען. ■ י. ל. גערשט: פרייגייסט און אומגייסט. ■ יצחק ראַוויטש: דאָס ירושלימער געסל. ■ גדלי' בובליק: די קדושה פון שבת. ■ א. י. ליפּמאַנאָוויטש: דורכן וואַגאָן־פענצטערל. ■ ישראל עמיאָט: נייע לידער. א) צו זיך, ב) הערנדיק שאַפּנס פערדע באַלאַדע, ג) אַ ליד צום באַס. ■ דוד אַפּטייקער: האַרבסט אין ירושלים (ליד). ■ שלמה פוקסמאַן: דאָס פשוטע שוסטערל. ■ אַלטער שנור: אינים דראַנג נאָך דעת. ■ הרב מנחם עקשטיין: פּסיכאָלאָגישע עלימענטן אינים חסידות.

**בנות־בלעטער:**

אַ קראָקעווער פירערן: לימוד און מעשים. ■ טאַבע פינטער: קראָקעווער צדקה־פאַרבאַנד. ■ אַ פּאָ־ביניצער חברה: תפארת אין „בנות". ■ באַריכטן פון די בנות־אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע, בעלכאַ־טאָוו, וואלבראָם און אַנד. ■ ידיעות און מודעות. ■ ערב חגיגת התורה אין לובלין.

